# כי אותו אהב מכל אחיו



## אלול תש"ז

בלויז א יאר-אנדערהאלבן איז דורך זינט דער גרויסער און ביטערער חורבן, ווען רוב מנין ובנין פון כלל ישראל זענען ל"ע אויסגע'הרג'ט געווארן מיט מיתות משונות ר"ל, א גזירה נוראה וואס כלל ישראל האט נאכנישט מיטגעלעבט מאז היתה ישראל לגוי.

נישט מער ווי דריי-פיר יאר צוריק איז אונזער גרויסער הייליגער רבי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געווען א מלך ישראל אין פולן זין פוןווארט. דער רבי זי"ע איז אין דער אלטער היים געווען ארומגענומען מיט טויזנטער תלמידים וחסידים. אידן פון איבער די גאנצע מדינה זענען יעדן שיינעם שבת, ובפרט אויף יעדן יום טוב געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט זיך מסתופף צו זיין בצל קדשו, מיטצוהאלטן די הייליגע זמנים, צו הערן די פייערדיגע דברות קודש, און נתעורר צו ווערן פון די הייליגע תפלות.

דעם רבי'נס א ווארט איז געווען פארהייליגט ביי טויזנטער אידן. די גרעסטע רבנים גאונים וצדיקים, וואס ביז צום היינטיגן טאג ווען מען דערמאנט זייער נאמען, כאפט אן א יראת הכבוד און הייליגער ציטער, אלע זענען געווען צמאים לדבריו, און האבן געזוכט צו הערן חות דעת קדשו אויף יעדע עפענטליכע נושא וואס איז אויפגעקומען ביים יהדות החרדית.

און אצינד? בא סנחריב וחיילותיו, דער צורר היהודים היטלער ימח שמו האט אויסגע'הרג'ט דאס בעסטע און שענסטע וואס כלל ישראל פארמאגט, און אפילו אין אונגארן וואו ער איז ערשט אריינגעקומען אין די שפעטערע יארן פונעם קריג, האט ער באוויזן אויסצו'הרג'נען אריבער א האלב מיליאן אידן, דארונטער גאנצע משפחות פון רבי'נס חסידים ותלמידים, הי"ד.



## תשרי תש"ה

דער רבי אליינס ווערט פארשלעפט אין די לאגערן. מ'פראבירט טאקע פארשידענע אופני הצלה, אבער עס פארשלעפט זיך אויף לענגער ווי געראכטן. עס גייט אדורך חודש תמוז, אב. ס'איז שוין אלול, און דער רבי איז נאך אלץ תחת עמק הבכה אין בערגן בעלזן לאגער. אלול איז דורך, תשרי איז אנגעקומען, און דער גרויסער מנהיג העדה וועלכער איז געוואוינט צו פראווען די ימים נוראים ארומגענומען מיט טויזנטער חסידים פון נאנט און ווייט, פראוועט איצט די ימים נוראים מיט בלויז אן ענגן קרייז לאגער-אידן.

ביי די הארצרייסנדע דרשות יענעם ראש השנה תש"ה שרייט דער רבי אויס מנהמת לבו אויף דעם וואס די השגחה עליונה האט אזוי צוגעפירט. מ'דארף דאווענען אויף אזא שפל'דיגן פארנעם, אין באראקן ארומגענומען מיט בעטלעך און צובראכענע שארבענס "מ'קען זיך נישט צוזאמקומען אין די בתי מדרשים" - האט רבי געוויינט און געשריגן.



## אלול תש"ו

דער רבי זי"ע האט זוכה געווען אויסצופירן זיין הייליגן שטרעבונג, ער איז בשטומ"צ אנגעקומען קיין ארץ ישראל, לחונן את עפרה, מיט דער האפענונג שוין צו פארבלייבן אין ארה"ק דארט אויסצוווארטן אויפ'ן גואל צדק שיבא במהרה בימינו.

דער רבי קומט אן ומצא את שאהבה נפשו. ער טרעפט אן עדה חסידים, אידן בני עלי' וועלכע זענען שוין מיט יארן פריער ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און האבן זיך ארגאניזירט אין רבי'נס ערשטער ווינקל וואס ער האט פערזענליך מייסד געווען אין ארה"ק, אינעם ביהמ"ד "אוהל רחל" וואס איז נתייסד געווארן מיט אריבער צען יאר פריער.

די שמחה ביים רבי'ן זי"ע זיך צו טרעפן מיט אזא עדה חסידים איז אין לשער, אבער די שמחה איז פי כמה גרעסער, ענדליך נאך אזויפיל תלאות וואס מען איז דורך, וועט ער ווידעראמאל האבן די זכי' צו דאווענען די ימים נוראים אין א ביהמ"ד. נישט אין קיין לאגער, נישט ארומגענומען מיט קיין שטאקיגע בעטלעך. אין א מקום קדוש וואו אידן נקיי הדעת וועלן מיטדאווענען מיט אים צוזאמען. אה, די שמחה און התרגשות איז דאך אין לשער.



## אלול תש"ז

ס'איז שוין גאר נאנט צו ראש השנה. אלעס איז גרייט. די זעלבע אידן פון פאראנגאנגענעם יאר בנוסף צו נאך אידן וואס זענען שוין אינדערצווישן אנגעקומען אדער פרישע ירושלימ'ער אידן וואס האבן זיך מדבק געווען אין רבי'ן; דאס זעלבע ביהמ"ד, דער "בית המדרש" פאר וועלכן דער רבי האט זיך אזויפיל מוסר נפש געווען, און האט צוויי יאר פריער אזוי משתוקק געווען צו קענען אפרעכטן די הייליגע טעג צווישן אירע פיר ווענט, אט דער ביהמ"ד שטייט ווייטער גרייט. אלעס איז גרייט אויסער...

ס'איז פאר ראש השנה, ס'איז אין סאמע מיט'ן פון חודש אלול. אין די שפעטערע יארן איז פאר'ן רבי'ן אפטמאל אויסגעקומען אז אין די זומער חדשים האט ער געוויילט אויף אפרוה אין פארשידענע קורערטער, שעראן-ספרינגס וכדומה. אבער אז עס איז געווארן ראש חודש אלול האט דער רבי זי"ע נאר געוואלט זיך זען צוריק אינדערהיים, צווישן זיינע חסידים, אין זיין אייגענעם ביהמ"ד, אין זיינע ד' אמות.

אצינד איז אויך חודש אלול, דער רבי איז אינדערהיים, ער האט זיין הייליגן ביהמ"ד און פארט באשליסט ער אונטערצונעמען טאקע אין די טעג, א נסיעה צו א ווייט לאנד, א לאנד וואס מיט יארן פריער וועט ער האט זיך נאר גע'חלומ'ט אז ער וועט אמאל אנקומען אהין האט ער געפאסט א תענית חלום.

דער רבי איז פארט גרייט אונטערצונעמען זיין נסיעה קיין "אמעריקע" און נישט בלויז אז דער רבי איז גרייט אונטערצונעמען די נסיעה, נאר טאקע אין סאמען ברען, הארט פאר די הייליגע טעג, וואס אפילו עס וועט זיך מאכן אז מ'וועט אנקומען באצייטענס, פארט, וואו וועט מען דארט דאווענען ראש השנה? אין וועלכן ביהמ"ד? מיט וועמען? מיט וועלכע סארט אידן?

דער רבי איז אבער נישט מוותר. ער נעמט אונטער די נסיעה! ער פארט! שוין ביים ארויספארן ווייסט דער רבי קלאר, אז עס איז גאנץ מעגליך אז אינעם הייליגן טאג ראש השנה וועט ער ווילן צווישן די פיר ווענט פון א בלויזן "שיף" אן קיין חסידים, אן קיין מתפללים פאר וועמען צו זאגן א דרשה, אן קיין אידן וועמען צו וואונטשן לשנה טובה, אבער דער רבי איז אויף אלעם גרייט. אלעס צוליב:

## מוסדות יטב לב!



דער רבי איז טאקע מיט א יאר פריער אנגעקומען קיין ירושלים שבור ורצוץ, אבער אזוי צובראכענערהייט האט דער רבי זיך אנגעגארטעלט מיט איבערנאטורליכע כוחות, און זעענדיג דעם צו השעה האט דער רבי זי"ע מייסד געווען די הייליגע מוסדות "יטב לב" מיט'ן צאל אפצוראטעווען די דורות, און בעיקר דערמיט אויסצופירן זיין פיליערינגע שטרעבן צו האבן אן אייגן ווינקל אין ירושלים עיה"ק.

די ניי-געגרינדעטע מוסדות האבן פאר'ן רבי'ן זי"ע אפגעקאסט ממון ודמים, און נישט האבנדיג קיין אנדערע אויסוועג ווי אזוי צו קענען ממשיך זיין בדרך הטבע מיט דעם הייליגן מוסד, האט דער רבי זי"ע ווידער געגומען דעם וואנדער שטעקן אין די האנט אריין, און האט הארט פאר ראש השנה איבערגעלאזט זיינע חסידים, זיינע מקורבים און בעיקר זיין ביהמ"ד אלעס כדי צו קומען שאפן געלט פאר:

## מוסדות יטב לב!



אין די שפעטערע יארן האבן מיר תלמידי וחסידי סאטמאר אפטמאל געהאט די זכי' צו הערן ביי די דברות קודש פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, ווי ער פלעגט ארויסברענגען די סייעתא דשמיא וואס "מיר" האבן געהאט, אז דער רבי זי"ע האט דא שוואך מצליח געווען. די פארגרעבטע אמעריקאנער גאס איז נאך דאן ווייט נישט געווען גרייט אויפצונעמען אזא געהויבענעם געשטאלט מיט אזא קנאות דקדושה וואס דער רבי זי"ע האט מיט זיך פארגעשטעלט, און אזוי ארום האט דער רבי זי"ע נישט מצליח געווען צו שאפן קיין געלט פאר מוסדות יטב לב, ומאת ה' היתה זאת אז דער רבי זי"ע זאל פארבלייבן דאהי אין ניו יארק, וואו דער רבי זי"ע האט אויפגעשטעלט די הייליגע קהלה און מוסדות אונטער וועלכע מיר שיצן זיך ביז צום היינטיגן טאג.

דער רבי זי"ע ארבעט אין ניו יארק, אבער זיין ציל איז ווייטער מוסדות יטב לב. עס איז היינט שווער אפצושרייבן אויף פאפיר די בזיונות און עגמת נפש וואס דער רבי זי"ע האט גענומען אויף זיך, אלעס נאר פאר:

## מוסדות יטב לב!



ווען עס זאל זיין א פשוט'ער איד וואס זאל מיטמאכן פיל ווייניגער וואס דער רבי האט דאן געליטן, וואלט ער געוויס שוין לאנג זיך אפגעלאזט פון די מוסדות. אז עס גייט נישט איז נישט. ס'איז אבער נישט די רעדע פון א פשוט'ן מענטש. ס'איז די רעדע פון רבי'ן זי"ע! דער מלך ישראל, וואס איז נישט לאנג צוריק געזעסן ארומגענומען מיט טויזנטער חסידים, און וואלט "נאך היינט" געקענט זיצן ווי א "מלך בגדוד" אין ירושלים עיר תפארתינו, ארומגענומען מיט חסידים בני עלי' וואס שלונגען מיט דורשט יעדעס ווארט און יעדע תפלה וואס גייט ארויס פון זין הייליג מויל.

אבער ניין! דער רבי איז אויף אלעם מוותר. דער רבי זי"ע געט נישט אויף. ער פארקוקט פון זיין מלוכה, ער פארציכט אויף זיין כבוד, ער גייט, ער פארט, ער נעמט אונטער נסיעות אויף ווייטע מקומות, פארט

ארום ווי אן איינפאכער משולח קיין טאראנטא, קיין קליוולאנד, קיין שיקאגא, קיין מאנטרעאל, און אויף נאך פארשידענע מקומות, וכעני בפתח שטייט דער רבי און בעט זיך אז מען זאל שענקן געלט פאר:

## מוסדות יטב לב!



און דאס אלעס אין די זעלבע צייט וואס דער רבי זי"ע גרינדעט אן אייגענע קהלה אין ניו יארק, ער איז מוסיף, ער איז מייסד א ישיבה גדולה, שפעטער א תלמוד תורה, און נאך שפעטער א מיידל שולע. דער רבי מוטשעט זיך אויף טריט און שריט, יעדע ריר קומט אן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן. עס קאסט אפ שווערע הונדערטער טויזנטער דאלארן, געלט וואס דער רבי פארמאגט נישט. ער האט קוים פון וואו עס צו שאפן און אהערשטעלן.

דער רבי בעט, ער פארלאנגט אז מען זאל געבן געלט פאר די מוסדות. דער אפיפל איז אבער אויף א לאקאלן פארנעם. דער רבי פארלאנגט געלט פון אייגענעם ציבור, די עלטערן פון די תלמידים, די וואס האבן שוין אליינס קינדער אין די מוסדות, און די וואס וועלן אי"ה האבן קינדער אין די מוסדות. פון זיי פארלאנגט דער רבי, געטס געלט פאר ענקערע אייגענע מוסדות. אונטערצונעמען א נסיעה צו די מרחקים מאן דכר שמי'.

פון ארומצופארן ערגעץ אנדערש-וואו איז נישט קיין רעדע, נאר פאר:

## מוסדות יטב לב!



דער רבי איז מוסיף, ער לייגט צו נאך מוסדות, וואו אימער עס קומען אן א היימישער קיבוץ אידן, גרינדעט דער רבי מוסדות פאר זיי. דער רבי איז מייסד מוסדות אין ניו יארק, אין וויליאמסבורג, אין בארא פארק, אין קרוינהייטס, און אין אויסלאנד, אין מאנטרעאל, אין לאנדאן, אין אנטווערפן און אויף נאך מקומות.

דער רבי מוטשעט זיך געפערליך צו זען אז עס זאל זיך אויסהאלטן, אבער אין קיין פאל טראכט דער רבי כמעט נישט צו שאפן געלט ערגעץ-אנדערש פאר די לאקאלע מוסדות. אין לאנדאן האט מען געשאפן געלט פאר די לאקאלע מוסדות, און אין ניו יארק פאר די ניו יארק'ער מוסדות. פון עפענען א גאנצן אפאראט, אן עקסטער אפיס פאר א מוסד פון א צווייט מקום, איז דאך קיין רעדע נישט.

איין אויסנאם מאכט דער רבי. דער רבי זי"ע זעלבסט האט דאן ממנה געווען זיין געטרייען איש אמונו הרה"ח ר' שלמה בראווער ז"ל אלס מנהל מוסדות יטב לב. ניין, נישט אלס מנהל פון די מוסדות אין ארץ ישראל זעלבסט. דארט האט ער געהאט זיינע אייגענע געטרייע ממונים, הרה"ח ר' ליפא שווארץ ז"ל, הרה"ח ר' יחזקאל בראך ז"ל, יבלחט"א הרה"ח ר' בנציון יאקאבאוויטש שליט"א און אנדערע.

ר' שלמה בראווער'ן האט דער רבי זי"ע אלס מנהל מוסדות יטב לב אין "ניו יארק"! דער רבי האט אים באפוילן צו עפענען אן עקסטערן אפיס, און געהייסן אנפירן א גאנצן אפאראט צו שאפן און צו שיקן יעדן איינציגן חודש געלט פאר די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל. פאר קיין אנדערע מוסד נישט, נאר פאר:

## מוסדות יטב לב!



דעם רבי'נס מוסדות בליען און וואקסן. עס קומען צו פרישע מוסדות. דער רבי וויל און באגערט צוצולייגן נאך א שטיין און נאך א בנין פון מוסדות סיי וואו אימער. אבער נישט אלץ גייט עס ווי מען וויל. דער רבי באטראכט יעדע זאך מיט א געניטן בליק, איז שוין צייט דארט צו עפענען א מוסד? איז שוין דא די מעגליכקייט דערצו? אפשר זאל מען נאך ווארטן אויף עטוואס א שפעטערע געלעגנהייט?

דאס איז אומעטום. ארץ ישראל שאני. דארט איז עס א צורך השעה. מ'קען די טייערע תשב"ר נישט לאזן אפילו איין מינוט אן קיין מוסד, און יעדן טאג שפעטער וואס מען גרינדעט דארט ערגעץ-וואו א מוסד איז דאס א פסידא דלא הדר.

אין די סאמע פארנומענסטע טעג פון חודש תשרי, ס'איז שוין עשרת ימי תשובה, יעדער איד איז פארנומען מיט זיך, דער רבי איז באלאגערט מיט חסידים און סתם אידן וואס קומען אריינכאפן א ברכה צום נייעם יאר, אבער דער רבי איז אומרואיג מיט גאנץ עפעס אנדערש. וואס וועט זיין מיט א היימישע מיידל שולע אין בני ברק? דער רבי זאגט קלאר: אויב איז נישט דא קיין מיידל שולע, קען איך נישט צוגיין צו כל נדרי!. און טאקע ערשט ערב יום כיפור אין די פארמיטאג שטונדן ווען מען האט דעם רבי'ן טעלעפאנירט און איבערגעגעבן די בשורה טובה, אז מ'האט מייסד געווען א מיידל שולע אין בני ברק, רופט ער זיך מיט התרגשות "אה, איצט קען מען שוין צוגיין צו כל נדרי!" א לשון וואס מ'האט פון רבי'ן קיינמאל נישט געהערט, נאר ווען עס איז געווען די רעדע פון:

## מוסדות יטב לב!



אזוי קען מען שרייבן נאך פיל פיל מער, ענינים וסיפורים ווי שטארק די הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק זענען ביים רבי'ן זי"ע געליגן על לוח לבו הטהור, ער האט דאס מקדים געווען פאר סיי וועלכע מוסד, און האט דאס זעלבע געמאנט און געפאדערט פון אנ"ש, עדת חסידיו ותלמידיו, אז דאס זאל מען האלטן דאס אויבערשטע פאר סיי וועלכע מוסד, אפילו פון זיינע אייגענע מוסדות אומעטום.

אז מ'זעט דאס אלעס, מ'הערט פון עלטערן דור תלמידים וחסידים פון רבי'ן זי"ע ווי שטארק די ארץ ישראל'דיגע מוסדות זענען דעם רבי'ן געגאנגען ממש בנפשו, און מ'קומט שפעטער איינעם זאגן אז דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף א מוסד "די מוסדות ליגן מיר כסדר אויפ'ן הארץ" אפילו מ'זאל נישט וויסן אויף וועלכע פון די מוסדות דער רבי האט דאס געזאגט, וואלט יעדער גלייך פארשטאנען אז עס איז די רעדע פון:

**מוסדות יטב לב!**



און ווירקליך האט דער רבי זי"ע דאס געזאגט אויף מוסדות יטב לב, ווען דער רבי האט ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויף זיין הייליגן הארץ, און זיך זיך אויסגעדרוקט - ווי באקאנט - מיט דעם הייליגן לשון: "מיינע מוסדות אין ארץ ישראל ליגן מיר דא אויפ'ן הארץ!".

נישט ווייניג אידן דערציילן מיט התרגשות פארשידענע אויסדרוקן וואס דער רבי זי"ע האט זיי פערזענליך געזאגט, איבערלאזנדיג ווי א צוואה לדורות, איבער דאס וויכטיגקייט און חשיבות פון די הייליגע מוסדות, ובפרט דאס הייליג לשון וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט פאר א חשוב'ן איד "ווילסט האבן ערליכע קינדער? די ערשטע פרוטה לייג אין די פושקע פון מיינע מוסדות אין ארץ ישראל".

און אז מ'רעדט פון א פושקע, איז דאס אויך כדאי צו דערמאנען. די איינציגסטע מוסד פאר וועלכן דער רבי זי"ע האט אליינס איינגעפירט "פושקעס" און האט עטליכע מאל פערזענליך געבעטן אז מען זאל דאס אריינגעמען אין שטוב, און מ'זאל דאס שטיצן, איז געווען די פושקע פון:

**מוסדות יטב לב!**



און צום שלוס. א קורצע צייט פאר זיין פטירה. דער רבי זי"ע איז שוין געווען שטארק אפגעשוואכט. עס איז שוין געווען נאכ'ן סטראוק ל"ע, און נאך א גוטע צען יאר שפעטער. דעם רבי'נס מצב הבריאות איז געווען אין א שוואכן צושטאנד, ומזלי' חזי אז זיינע טעג בעלמא הדין זענען שוין בלויז געציילטע. דער רבי האט זיך געזארגט אויפ'ן עתיד, דער רבי האט געטראכט פונעם צוקונפט, און איז געווען צובראכן ביי זיך. וגנוחי גניח, וואס וועט זיין מיט די קומענדיגע דורות?

אויף וועלכן מוסדות האט דער רבי געקרעכצט און געטראכט? פון קיין שום אנדערן מוסד, נאר פון:

**מוסדות יטב לב!**



זעענדיג ווי שטארק דאס ליגט דעם רבי'ן אויפ'ן הארץ האט מען דאן אויפגענומען די געטרייע חברי הנהלה, הרה"ח בנש"ק ר' אהרן טייטלבוים ז"ל, הרה"ח ר' יושע גאלדבערגער ז"ל און הרה"ח ר' יונה וויטריאל ז"ל וועלכע האבן געטריי אויסגעפירט רצון קדשו פון רבי'ן זי"ע און האבן רעגעלמעסיג געשאפן און געשיקט געלט פאר די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל, וכהיום יום ווערט טאקע אט דער שליחות הקודש פון רבי'ן זי"ע אויסגעפירט דורך די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש, די חברי הנהלה צוזאמען מיט'ן מיטהילף פונעם גאנצן ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר. אידן וועלכע זוכן צו ליגן על לוח לבו הטהור פון רבי'ן זי"ע ווייסן אז מיט'ן שטיצן די מוסדות וואס זענען אלץ געליגן ביים רבי'ן אויפ'ן הארץ כפי עדותו בעצמו, האט מען די זכי' אז מען ווערט נחרת על לוח לבו הטהור למעלה, און מ'קען אזוי ארום פועל'ן כל מיני ישועות בזכותו הגדול.

אידן ווייסן צו דערציילן אותות ומופתים בזכות פון שטיצן די הייליגע מוסדות יטב לב, וואס זייענדיג די מוסדות פאר וועלכן דער רבי זי"ע האט זיך אזוי געזארגט ביז הארט פאר זיין פטירה, איז זיכער אז אויך לאחר פטירתו איז דער רבי זי"ע ממשיך זיך צו זארגן פאר די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל, און די אלע וואס העלפן אים צו אז די מוסדות זאלן האבן א קיום און אן המשך, איז דער רבי זי"ע פאר זיי א מליץ יושר, משפיע צו זיין כל מיני ברכות וישועות, אלעס אין זכות פון החזקת:

**מוסדות יטב לב!**

**דעריבער, וועלן מיר אלע מאכן אן אויסנאם! און צוגרייטן 'אויסנאם'ליכע סכומים צו די בעפארשטייענדע:**

# ימי חינוך הטהור

בקרית יואל: פרשת פנחס - מטות